בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ח | פרשת תזריע-מצורע | 224

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער גדר פון מצות מילה

**"וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ"** (יב ג)

אין מסכת קידושין (כט א) דרש'נען די חכמים פונעם פסוק (בראשית כא ד): "וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים" אז דער חיוב פון מל'ן א זון ליגט נאר אויפן טאטן און נישט אויף די מאמע.

און **תוספות** דארטן (ד"ה אותו) וואונדערט זיך: פארוואס דארף מען דרש'ענען פון א פסוק אז א פרוי איז פטור פון מל'ן איר זון, מילה איז דאך א 'מצות עשה שהזמן גרמא' וואס נשים זענען דערויף פטור, ווייל די חיוב הייבט זיך אן נאר פון דעם אכטן טאג און ווייטער, און נאר בייטאג און נישט ביינאכט? ענטפערט **תוספות רי"ד** (שם): די מצוה פון מילה איז נישט נאר צו מל'ן דעם קינד, נאר אויך זארגן אז ער זאל זיין גע'מל'ט, אויב אזוי ווערט עס נישט עס גערעכנט ווי א מצוה וואס איז אנגעהאנגען אין א זמן, ווייל דער חיוב פון זיך פארען מיט די מצוה הייבט זיך שוין אן פון ווען דאס קינד איז געבוירן און איז נישט באגרעניצט נאר אויף בייטאג.

לויט דעם תירוץ פארענטפערט **רבי דב בעריש הפטקה** פון די ראשי ישיבה אין 'אמרי אמת' (אין זיינע הערות אויפן תוספות רי"ד דארטן, הערה 415) וואס מיר זאגן ביים פיוט 'יום ליבשה': "**ומבטן** לשמך המה נמולים"; לכאורה, וואס איז די כוונה פון 'מבטן', דער חיוב פון מילה הייבט זיך נאר אן פון דעם אכטן טאג? נאר, ווייל דער עיקר פון די מצוה איז דאס פארען און זארגן אויף די מילה, און דאס הייבט זיך שוין אן פון ווען ער איז געבוירן, וועגן דעם ווערט עס גערעכנט אז שוין "מבטן - לשמך המה נימולים".

ס'איז דא וואס טייטשן מיט וואס מ'זאגט ביי די הגדה של פסח: "שמונה מי יודע... שמונה ימי מילה" - ווייל דער פאטער דארף זיך באשעפטיגן מיט די מצוה פון מל'ן זיין זון אלע אכט טעג פון ער איז געבוירן געווארן, דעריבער ווערן די אכט טעג אנגערופן "שמונה ימי מילה" (הגש"פ 'אתה בחרתנו' עמ' תכא).

### "כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה"

**"יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ"** (יב ג)

**רבי חיים וויטאל** שרייבט: "יִמּוֹל" - איז ראשי תבות: "**י**י **מ**שען **ו**מבטח **ל**צדיקים", ווייל יעדער גע'מל'טער איד ווערט אנגערופן 'צדיק'.

לייגט צו הגאון **רבי יוחנן סג"ל וואזנער שליט"א** דער רב פון סקווירא אין מאנטריאל:

דאס קומט אונז לערנען אז די מצוה פון מילה איז א 'משען ומבטח' וואס העלפט אנקומען צו די מדרגה פון 'צדיק', אבער ווי איז פאר איינער וואס איז צופרידן מיט דעם... און וועגן דעם וואונטשט מען אן דעם רך הנימול: "כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה... ולמעשים טובים" - ער זאל זיך נישט באגעניגן מיטן ברית, נאר ער זאל אויסנוצן דעם כח וואס ער האט באקומען דורך די מצוה ער זאל קענען שטייגן אין תורה און מעשים טובים.

'פרי עץ חיים' שער העמידה כ; 'חיי הלוי' ח"ב סה יד

## רזי אמונים

### רמזים פון אמן אין די פרשה

#### אמן ראטעוועט פון נגעים

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע"** (יד ב)

די דורשי רשומות זאגן אז מקפיד זיין אויף 'אמן' ראטעוועט פון נגעים און קראנקהייטן, ווייל דער 'שיר של פגעים' וואו דארט שטייט: "לא תאנה אליך רעה ונגע לא יקרב באהליך", איז קאפיטל 'צ"א' אין תהלים - וואס איז גימטריה 'אמן'.

ענליך צו דעם קען מען מרמז אין אונזער פרשה - די פרשה פון נגעים וואו עס ווערן אויסגערעכנט צ' פסוקים (וואס מיטן כולל איז עס בגימטריה 'אמן'), דאס איז א רמז אויף דער וואס איז מקפיד צוזאגן ניינציג אמן'ס יעדן טאג, אזוי ווי די תקנת הקדמונים, ווערט ניצול פון די נגעים.

'נפלאות מתורתך'; 'שערי צדק'

### זאגן די פרשה פון די קרבנות פון א יולדת

**"זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת לַזָּכָר אוֹ לַנְּקֵבָה; וְאִם לֹא תִמְצָא יָדָהּ דֵּי שֶׂה..."** (יב ז-ח)

די ווערטער "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" זעהן אויס ווי מיט זיי ענדיגט זיך די פרשה פון די קרבנות פון די יולדת. לכאורה איז שווער, פארוואס האט די תורה עס געשריבן בעפאר די הלכות פון א יולדת וואס האט נישט גענוג געלט אויף די קרבנות?

ענטפערט **רבי מאיר דן פלאצקי**:

פונעם פסוק אויבן (ו יח): "זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת" דרש'נט די גמרא (מנחות קי א) "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת", און לויט דעם קען מען אויך דרש'ענען פון דעם פסוק "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" אז דער וואס איז עוסק אין די פרשה פון קרבן יולדת איז כאילו ער האט מקריב געווען.

לויט דעם, אזוי ווי בזמן הזה האט מען מתקן געווען זאגן די פרשיות פון קרבנות כדי עס זאל גערעכנט ווערן ווי מ'האט מקריב געווען, דאס זעלבע איז ראוי אז א יולדת זאל בזמן הזה זאגן די פרשה פון קרבן יולדת אין דעם 41'סטן טאג נאכן געבוירן א זכר און 81 טעג נאכן געבוירן א נקבה צוליב דער חיוב צו ברענגען א קרבן. נאר אין די צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען א אונטערשייד צווישן א קרבן פון ארימע ביז א קרבן פון א רייכע, אבער בזמן הזה איז אנדערשט, און אויך א ארימע יולדת זאל זאגן די פרשה פון א רייכע, ווייל אויפן ענין פון זאגן ווערט זי גערעכנט ווי איינע וואס 'ידה משגת'.

לויט דעם וועלן מיר פארשטיין פארוואס די תורה האט געשריבן: "זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת" בעפאר די תורה האט געזאגט די קרבן פון א יולדת וואס האט נישט אסאך געלט, מיר זאלן לערנען דערפון, אז אין די צייט וואס מ'איז יוצא מיט זאגן די 'תורת היולדת', זאל מען זאגן די פריערדיגע קאפיטל, פון א רייכע יולדת.

'כלי חמדה'

### דער חכם וואס דאוונט דארף אויך זאגן מוסר

**"נִרְפָּא הַנֶּתֶק טָהוֹר הוּא וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן"** (יג לז)

רש"י ברענגט די דרש פון די חכמים זכרונם לברכה (ספרא ה טז): "'טָהוֹר הוּא וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן' - הא (=אבער) '**טמא**' שטהרו הכהן, לא 'טהור'".

א שטארקער יסוד האט פון געלערנט **רבי הלל ליכטנשטיין** פון קאלאמייא:

אין מסכת בבא בתרא (קטז א) זאגן די חכמים: "כל שיש לו חולה בתוך ביתו, ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים". אבער, מיר האבן דאך א כלל "אין יסורין בלא עון" (שבת נה א), וועגן דעם, טאקע אז די תפילה פון דער חכם העלפט ער זאל אויסגעהיילט ווערן, דארף ער אים אויך אבער מעורר זיין ער זאל תשובה טוהן כדי ער זאל חלילה נישט צוריק קראנק ווערן.

אויף דעם איז מרמז דער פסוק: אויך ווען עס איז "נִרְפָּא הַנֶּתֶק" דורך די תפילה פונעם כהן, איז ער "טָהוֹר הוּא" - אויף אייביג, נאר אויב: "טִהֲרוֹ הַכֹּהֵן" - דער כהן האט אים מעורר געווען צו תשובה. אבער אויב ער האט אים נישט מעורר געווען, און ער איז געבליבן אזוי ווי א "**טמא** שטהרו הכהן", דעמאלטס איז ער "לא טהור", ווייל די קראנקהייט וועט צוריק קומען צו אים צוליב זיין זינד.

'משכיל אל דל' ח"ג כלל ד' פרט א

### דורך וועמען איז געקומען די ישועה?

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן; ...וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ"** (יד ב-ג)

האט געזאגט האדמו"ר **רבי ישכר דוב, דער בעלזער רב**:

א צדיק וואס זיין תפילה האט אויפגעטוהן אז דער קראנקער איז געזונט געווארן, טאר ער זיך נישט גרויס האלטן אז זיין תפילה האט אויפגעוהן, נאר ער דארף עס אנהענגען אין די זכויות פון דעם קראנקן. פון די צווייטע זייט, דער קראנקער טאר נישט אנהענגען זיין ישועה אין זיינע זכויות, נאר ער דארף עס אנהענגען אין דעם צדיק'ס תפילה.

א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין דעם פסוק: "זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע [פון דעם קראנקן] בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" - ווען ער ווערט אויסגעהיילט פון זיין קראנקהייט, "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן" - זאל ער אנהענגען זיין רפואה אין דעם צדיק'ס זכות. און פון די צווייטע זייט: "וְרָאָה הַכֹּהֵן" - אויך דער צדיק ווען ער זעהט: "וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת", זאל ער עס נישט אנהענגען אין זיין זכות, נאר "מִן הַצָּרוּעַ" - אין די זכויות פון דעם קראנקן.

'אדמו"ר בעלז' ח"ג עמ' שא




# לשון הרע פארמאכט – אמן עפנט

דער וואס רעדט לשון הרע – ווערן די טויערן פון הימל פארמאכט פאר זיין דאווענען, און וועגן דעם טייטש אונקלוס: 'מצורע' – 'סגירא' (זוהר מצורע נג א; מדרש יהונתן, מצורע)

דער וואס ענטפערט אמן – ווערן די טויערן פון הימל געעפנט פאר זיין דאווענען, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב) "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים" (זוה"ק וילך רפח ב)

ברכות השחר: אויפן קול, מיט כוונה, מיט א חברותא!



# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע - די צווייטע קאפיטל 'והיה אם שמוע' (ד)

### עבודה שבלב זו תפילה

די גמרא (תענית ב א) דרש'נט פונעם לשון (דברים יא יג): "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם" - "איזו היא עבודה שהיא בלב? הוי אומר זו תפילה!". אסאך אסאך דברי תורה און הלכות זענען געבויעט אויף די גמרא, און בעיקר שטעלן זיך די מפרשים אויף צוויי חידושים וואס קומען ארויס פון דא:

א. דאס דאווענען ווערט אנגערופן 'עבודה',
ב. די עבודה ווערט אנגערופן 'עבודה **שבלב**' כאטש עס ווערט געטוהן מיטן מויל.

מיר ווילן דא ציטירן עטליכע זאכן איבער דעם ענין:

### הלכות תפילה זענען ווי די הלכות פון 'עבודה'

דער טור (או"ח צח) ערקלערט אז תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה' ווייל אין אונזערע צייטן איז עס חשוב אזוי ווי די עבודה פון קרבנות, און צוליב דעם רעכנט ער אויס עטליכע הלכות תפילה, וואס אויב מ'ווועט אזוי טוהן זענען מיר פארזיכערט אז די תפילה ווערט אנגענומען לרצון, און אזוי שרייבט ער:

"וועגן דעם דארף מען אכטונג געבן עס זאל זיין אזוי ווי א קרבן **מיט כוונה**, און עס זאל זיך נישט אויסמישן קיין **פרעמדע מחשבה** אזוי ווי א מחשבה וואס פסל'ט ביי קדשים, און עס דארף זיין **שטייענדיג** פונקט ווי ביי די עבודה... און **צוזאם לייגן די פיס** אזוי ווי די כהנים זענען געשטאנען ביי די עבודה, און **קובע זיין א מקום** אזוי ווי ביי די קרבנות... און עס איז פאסיג ער זאל האבן ספעציעלע **שיינע קליידער** אויפן דאווענען אזוי ווי די בגדי כהונה... און אויב ער וועט טוהן אזוי ווי ביי א קרבן, איז עס עולה לריח ניחוח ביז די פלאץ וואו דער קרבן גייט ארויף, און דער מלאך וועט פון דעם טוהן א קרוין פארן באשעפער".

א שטארקער דערהער האט הגאון רבי שמשון פינקוס זצ"ל ארויסגענומען פון די ווערטער פונעם טור:

ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, זאל ער טראכטן אין זיין הארץ אז ער איז ווי דער כהן וואס טוהט די עבודה און לייגט ארויף די אברים ופדרים לריח ניחוח פאר השי"ת. די כהנים וואס האבן געטוהן די עבודה אין בית המקדש האבן געהאט זייער אסאך הלכות וואס אויב מ'האט נישט מקיים געווען איינס פון זיי האט עס געשטערט די עבודה, און עס איז אויך באקאנט ווי ווייט האבן די כהנים מחשיב געווען די עבודה, אז זיי האבן צוטיילט די טעג פונעם יאר אויף 24 משמרות, ווען יעדע משמר האט געטוהן די עבודה איין וואך אין יאר, און די בני המשמר האבן אזוי שטארק געגלוסט צו טוהן די עבודה, אז עס האט דערגרייכט צו א סכנה, און צוליב דעם האט מען מתקן געווען א עקסטערע 'פייס' [ד.מ. א גורל] וואס מ'האט געטוהן יעדן אינדערפריה, און נאר ווער עס איז ארויסגעקומען אינעם גורל האט זוכה געווען טוהן די עבודה.

און מיר זענען יעדן טאג זוכה שטיין פארן אויבירשטן דריי מאל ביים דאווענען, וויפיל דארפן מיר זיך פרייען מיט דעם - פון איין זייט, און פון די צווייטע זייט ווי שטארק דארפן מיר אכטונג געבן טוהן די עבודה ווי עס דארף צו זיין ('תפארת שמשון' צו).

### א עבודה וואס איז אינגאנצן אנגעהאנגען אין כוונה

נאך א וויכטיגע באדייט אויפן עס רופן 'עבודת הלב' שרייבט דער מאירי (חיבור התשובה, משיב נפש ב יב): "די תפילה זאל ווערן אנגענומען איז אנגעהאנגען אין כוונה... און דאס איז די סיבה פארוואס די תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב'... ווייל עס איז אנגעהאנגען אין כוונה".

אין ספר 'יושר דברי אמת' (אות מא) ברענגט ער אין נאמען פון סידור "שערי שמים": "דאווענען ווערט אנגערופן עבודה, ווייל דאס איז א גרויסע ארבעט צו אוועק שטופן די מחשבות פון די וועלט'ליכע זאכן, און משעבד זיין די כוונה צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און עס איז זיכער אז צו דעם דארף מען האבן א שטארקן כח".

מיט דעם ערקלערט רבי חיים וואלאזשינער ('נפש החיים' ב א) דעם טעם פארוואס די תורה דערמאנט דא א לשון '**בכל** לבבכם', ד.מ.: די גאנצע הארץ זאל זיין פול נאר מיט כוונה פון תפילה, און אויב טראכט ער אויך פון פרעמדע זאכן, איז עס נישט מיטן גאנצן הארץ.

### תשובה טוהן פארן דאווענען

מ'דארף אבער וויסן אז עס איז טאקע זייער שווער צו דאווענען מיט כוונה, און יעדער איינער ווייסט ביי זיך אין הארץ אז באלד ביים אנהייב דאווענען הייבן אן צו קומען פארן מענטש פוסטע און נארישע מחשבות... און דאס איז א וואונדער, יעדער איד גלוסט דאך צו דאווענען מיט כוונה, איז וויאזוי קען זיין אז פונקט אין די צייט וואס ער וויל זיך באהעפטן צו זיין באשעפער קומען זיך צוזאם כוואליעס פון מחשבות זרות כדי אים צו פארדרייען?

אין ספרים הקדושים שטייט אז די מחשבות זרות קומען פון עבירות וואס דער מענטש האט געטוהן, וואס דורך דעם ווערן באשאפן מלאכי חבלה און קליפות וואס קומען שטערן דעם מענטש ער זאל זיך נישט קענען מקשר זיין צום באשעפער, און אויף דעם שטייט א וואונדערליכע עצה, מ'זאל תשובה טוהן פארן דאווענען, ווייל מיט דעם ווערן אפגעשוואכט דער כח פון די קליפות, און דער נביא האט אויף דעם מרמז געווען זאגנדיג (איכה ג מ-מא; מד): "נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה עַד ה'", און נאכדעם: "נִשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפָּיִם אֶל אֵ-ל בַּשָּׁמָיִם", ווייל אויב נישט: "סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה - די קליפות באשאפן אזוי ווי א וואלקן וואס האלטן אפ די תפילות פון ארויף גיין. און וועגן דעם שטייט אין די משנה (ברכות ל ב) אויף די חסידים הראשונים וואס האבן זיך אויפגעהאלטן איין שעה בעפארן דאווענען מיט א דביקות און נאכדעם האבן זיי געדאוונט, כדי זיי זאלן אריינגיין צום דאווענען מיט א דביקות צו השי"ת, און דורך דעם וועלן זיך נישט אויסמישן קיין מחשבות זרות ביים דאווענען.

אבער, מיט דעם קען מען זיך אויך טרייסטן, די מחשבות זרות וואס קומען צו אונז ביים דאווענען, זענען א באווייז ווי שטארק איז אונזער דאווענען חשוב פאר השי"ת, און נישט אומזינסט האבן די חכמים מתקן געווען אסאך בקשות בעפארן דאווענען, נאר כדי אז דאס זאגן וועט אונז העלפן זיך מדבק זיין מיטן באשעפער פארן דאווענען, און דורך דעם וועט אונזער תפילה באקומען א נשמה און חיות וואס וועט ערמעגליכן זי זאל ארויף גיין אויבן און פויעלן פאר אונז ישועות ('תשובות והנהגות' ח"ד סי' כז).

### 'אמן' אן כוונה איז ווי א גוף בלא נשמה

דא איז דאס פלאץ צו ברענגען וואס די קדמונים זאגן בנוגע ענטפערן 'אמן', עס איז באקאנט אז ענטפערן 'אמן' איז דער שליסל אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן, און 'אמן' איז א אפענע באווייז אויף די חשיבות פון אינזין ביים דאווענען, ווייל 'אמן' אליין האט נישט קיין באדייט, און עס איז אנגעהאנגען אין די כוונה, אזוי ווי די פוסקים זענען מאריך אין דעם, אז ביי יעדע ברכה דארף מען אינזין ביים ענטפערן 'אמן' לויט איר ענין. און עס איז באקאנט וואס דער מאירי זאגט (נזיר סו ב) אז וועגן דעם זאגן די חכמים (שם) "גדול העונה יותר מן המברך", ווייל בדרך כלל דער וואס ענטפערט 'אמן' האט אינזין מער פון דער וואס זאגט די ברכה.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די תפילה וואס האט דעם גנב מחזיר בתשובה געווען

די מאגערע געשטאלט פון רבי משה דאבארשווילי, דער רב פון די אידישע קהילה אין די הויפט-שטאט פון גרוזיע, האט שפאצירט אויף די שטיינערדיגע געסלעך מיט שטאטע און פארשעמטע טריט. ער האט נישט געגלייבט אז ער איז אנגעקומען צו אזא ביטערן צושטאנד. ווען עס האט זיך אנגעהויבן די קאמיניסטישע הערשאפט איז ער דערנידערט געווארן פון זיין גרויסן אמט פון א רב און א געשעצטער מנהיג צו זיין געמיינדע, און עס האט דערגרייכט אזוי ווייט אז ער האט נישט געהאט קיין ברויט צום עסן.

איין טאג פריער, האט רבי משה געפילט אז ער מער האלט נישט אויס; זיין קליינע טאכטער איז קראנק געווארן צוליב עסן ווייניג און איז געווען אין א לעבנ'ס געפאר, פאר איר שוואכע קערפער איז שווער געווען זיך צו שטארקן אויף איר קראנקהייט, און רבי משה האט וויכטיג געדארפט האבן עפעס געלט צו קענען קויפן עסן און מעדיצינען וואס זאלן פארבעסערן איר צושטאנד.

שוין פון לאנג האט רבי משה פארקויפט יעדע ווערדפולע זאך וואס ער האט פארמאגט, אויך מערסטנס פון זיין פרוי'ס טייערע צירונגען האבן זיי פארקויפט כדי צו קענען האבן ברויט פאר זייער קינדער, יעצט האבן זיי געהאט נאר צוויי טייערע רינגלעך, און זיי האבן אויף דעם אכטונג געגעבן ווי די שווארץ אפל פון זייער אויג.

ביז יעצט האט ער נישט געוואלט טראכטן פון פארקויפן, כאטש זיי זענען ווערד געווען א גרויסע סומע, אבער יעצט, ווען זיין טאכטער ליגט אקעגן זיינע אויגן אין א לעבנ'ס געפאר, האט ער נישט געהאט קיין אנדערע וועג, און נאכן זיך אדורך רעדן מיט זיין פרוי האבן זיי מיט א שווערן הארץ באשלאסן פארקויפן די טייערע רינגלעך.

מיט ציטערדיגע הענט און שוואכע טריט איז רבי משה געגאנגען אין גאס אויפן וועג צום געשעפט פונעם שמיד, ווען א שטאפענע זעקל און אין דעם די רינגלעך זענען שטארק פארמאכט אין זיינע הענט. וויסנדיג אז דאס לעבן פון זיין הויז-געזונד איז אנגעהאנגען אין דעם, האט ער עס שטארק אכטונג געגעבן, ווער ווייסט וואס איז די פרייז וואס ער וועט באקומען.

ווען רבי משה איז אנגעקומען אין געשעפט פונעם שמיד, האט ער געעפנט דעם זעקל מיט אראפגעלאזטע אויגן, ער האט אריינגעלייגט זיין האנט אינעווייניג און איז אויפגעציטערט געווארן; די רינגלעך זענען נישט דא. דערשראקן און צושוידערט האט ער איבערגעדרייט דעם זעקל און עס אויסגעשאקלט העכער זיין האנט, אבער דער קליינער לאך וואס איז געווען אויפגעריסן אונטן האט אים קלאר געשטעלט דאס אומגלויבליכע ביטערע פאסירונג: די רינגלעך זענען פון אים גע'גנב'עט געווארן אויף א כיטרע און אכזריות'דיגע וועג.

דער שמיד וואס האט געקוקט אויף אים אומפארשטענדליך האט נאכנישט אנגעיאגט צו עפענען זיין מויל, און רבי משה האט זיך געאיילט ארויסגיין פארשעמטערהייט פון געשעפט מיט גרויס ווייטאג. אין א גאס דערנעבן איז געווען א שטילע און רואיגע גארטן, דארט האט זיך רבי משה אראפגעזעצט אויף איינע פון די בענק, ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש א קליינע תהלים'ל און האט אנגעהויבן צו זאגן פון דארט איין קאפיטל נאכן צווייטן ווען פון זיינע אויגן רינען טרערן.

אינמיטן זאגן תהלים האט ער באמערקט פון די עק פון זיין אויג ווי א עלטערער מענטש זעצט זיך אראפ אויפן באנק נעבן אים, יענער האט זיך צוגעריקט צו אים ווי איינער וואס וויל מיט אים רעדן, אבער רבי משה איז יעצט נישט געווען גרייט צו דעם, און ער האט זיך אויפגעהויבן פונעם באנק אינגאנצן אנטוישט.

עטליכע מינוט נאכדעם האט רבי משה געוואלט אהיים גיין, ווען זיין מח טראכט - מאין יבוא עזרי, פלוצלינג קומט אים ארויף א מאדנע געדאנק: אפשר זענען די רינגלעך אינגאנצן נישט געווען אין זעקל...

דאס איז געווען זייער א שוואכע האפנונג, אבער רבי משה האט זיך אנגעכאפט אין דעם זייענדיג פארצווייפלט, ער האט אריינגעלייגט זיין האנט אין טאש פון זיין רעקל, און דאס אומגלויבליכן האט פאסירט, די רינגלעך זענען דארט געליגן רואיג, ווי זיי וואלטן דארט געווען א לאנגע צייט.

רבי משה האט נישט געהאט קיין צייט זיך אפשטעלן טראכטן וויאזוי עס האט פאסירט, ער האט זיך געאיילט צוריק גיין צום געשעפט פונעם שמיד, ווען יעצט שטעלט ער נישט איין; ער האט שטארק אנגעכאפט די רינגלעך אין זיין פארמאכטע האנט, אזוי וועלן זיי זיכער נישט פארלוירן ווערן...

א איבערראשונג האט אים אפגעווארט אין די אנדערע זייט גאס, א יונגער מענטש מיט א כיטרער בליק האט אים נאכגעלאקערט, און מיט א שטארקע קלאפ אויף זיין האנט האט ער פון אים אוועקגעכאפט די רינגלעך. רבי משה האט געוואלט שרייען, אבער אנשטאט צו אנטלויפן האט דער מענטש זיך אוועק געשטעלט אקעגן אים ווען ער שאקלט די טייערע רינגלעך אומפארשעמט.

"גיב מיר שוין צוריק מיינע רינגלעך!" - האט רבי משה געשריגן מיט א הייזעריגע שטימע, אבער דער מענטש האט געשמייכלט און האט געזאגט: "די רינגלעך זענען **אמאל געווען** פון דיר, יעצט זענען זיי פון מיר!"

"דו זאלסט וויסן", האט ער צוגעלייגט, "יעצט איז שוין דאס צווייטע מאל וואס איך כאפ עס אוועק פון דיר... אינדערפריה, ווען איך האב עס צוגענומען פון דיין האנט, בין איך געווען פארשטעלט פאר א עלטערער איד. אבער נאך וואס איך האב דיך געזעהן דאווענען אזוי צובראכן אין גארטן אויף די באנק און איך האב פארשטאנען אז איך האב דא צוטוהן מיט א הייליגער מענטש, האב איך עס שנעל צוריק געלייגט אין דיין טאש... יא, איך בין געווען דער עלטערער איד אויפן באנק אין גארטן... יעצט בין איך וואס איך בין טאקע - א יונגער מענטש און א שווינדלער, חא חא חא..." - האט ער זיך אונטער געשמייכלט.

פלוצלינג איז זיין געזיכט ערנסט געווארן און האט ווייטער איבערראשט: "אבער איך האב באשלאסן צו שענקען מיינע רינגלעך פאר דיר במתנה".

"א מתנה?" - האט רבי משה זיך געוואונדערט, "זיי זענען פון מיר".

"זיי זענען אמאל געווען פון דיר" - האט זיך יענער געהאלטן ביי זיינעם, "יעצט געהערן זיי פאר מיר, אבער זיי וועלן צוריק ווערן דיינס מיט איין תנאי..."

רבי משה האט באמערקט זיינע אויגן ווי זיי גלאנצן פון טרערן ווען ער זאגט ווייטער:

"מיינע טייערע עלטערן זענען פון לאנג נפטר געווארן, איך האב זיי פארביטערט זייער לעבן, יעצט וויל איך טוהן עפעס צוליב זייער עילוי נשמה; איך וועל דיר צוריק געבן די רינגלעך, אבער דו נעמסט דיך אונטער צו זאגן קדיש אויף זייער נשמה אין לויף פון א יאר".

רבי משה האט באלד צוגעשטימט, און האט צוריק באקומען די רינגלעך. אבער דער גנב האט זיך נישט באגענוגט מיט דעם; בעפאר ער האט זיך געזעגנט פון אים האט ער ארויסגענומען א פעקל פאפירענע געלט פון זיין טאש און געבעהטן: "מיט דעם געלט זאלסטו קויפן 'מפטיר' אין לויף פון די גאנצע יאר וועגן זייער עילוי נשמה", אבער דאס מאל האט רבי משה נישט געוואלט נעמען דאס געלט: "איך קען נישט קויפן מצוות פאר זייער נשמה מיט געלט וואס דו האסט פארדינט דורך עבירות".

"איז וואס זאל איך טוהן?" - האט דער גנב געפרעגט מיט א פארצווייפלטע שטימע.

"גיי ארבעטן, און ווען דו וועסט פארדינען אביסל ערליך געלט, וועסטו קענען קויפן מצוות לעילוי די נשמות פון דיינע עלטערן" - האט רבי משה געענטפערט.

דער גנב האט זיך געזעגנט פון אים ווען טרערן שטייען אים אין די אויגן, און רבי משה האט זיך געאיילט צום געשעפט פונעם שמיד. דער שמיד וואס האט אים געקענט יארן לאנג האט נישט געוואלט אפקויפן פון אים די רינגלעך, און אנשטאט דעם האט ער אים פארבארגט א שיינע סומע געלט וואס מיט דעם האט ער געקענט שפייזן זיין פאמיליע א לאנגע צייט.

א שטיקל צייט נאכדעם האט א יונגער מענטש געקלאפט אויף די טיר פון זיין הויז, רבי משה האט נישט דערקענט דעם געשטאלט, אבער דער מענטש האט זיך באלד פארגעשטעלט: "איך בין דער וואס האט פון דיר גע'גנב'עט די רינגלעך, געדענק'סט?", רבי משה האט געדענקט די געשיכטע, און יענער האט פארגעזעצט: "הערנדיג דיינע ווערטער בין איך געגאנגען זוכן א ארבעט און איך האב געטראפן, מיר איז זייער שווער געווען אפלאזן מיין אלטע וועג, אבער מיט די צייט האב איך זיך צוגעוואוינט צו ארבעטן ערליך, דא האסטו די סומע - דאס איז ערליך געלט" - האט ער געזאגט און האט דערלאנגט א בינטל פון פאפירענע געלט פאר רבי משה.

אבער יעצט האט רבי משה אויך נישט געוואלט נעמען די פאפירענע געלט, נאר האט אים געזאגט: "עס איז בעסער אז דער זון זאל זאגן קדיש נאך זיינע עלטערן, טוה עס אליין פאר זיי".

"אבער איך קען נישט ליינען" - האט יענער אנגעהויבן וויינען, און רבי משה האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף יענעם'ס פלייצע און האט אים בארואיגט: "זארג נישט, איך וועל דיר אויסלערנען".

אין א קורצע צייט איז ער געווארן א אמת'דיגער בעל תשובה, און אלעס איז געקומען צוליב יענע ווארימע תפילה וואס רבי משה האט געדאוונט פון טיפן הארץ, דארט, אויף די איינזאמע באנק אין גארטן.

'האות והמופת' עמ' קלג

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע